בס"ד

איך האב ליב

די הייליגע

# יום טוב חנוכה

## ביכל



ארויסגעגעבן דורך הרב יואל קליין

PRODUCED BY: REALISTIC PRODUCTION

הייליגע קינדערלעך

# Credits:

**Script Composed, Music, Choir Recording, Editing, Mixing, Mastering,**
All done by:

**YOEL KLEIN**
**RECORDING STUDIO**
**718-344-1708**

געזונגען און גערעדט דורך:
די הייליגע קינדערלעך

אחים: נחמן - בערי גלויבער
אחים: מרדכי אברהם - יודל גראסס
אחים: שמואל זלמן - מרדכי גרינוואלד
אחים: סענדר - יעקב דייטש
אחים: יואל אהרן - יוסי ווייס
אחים: זישא - יושע שווארץ
יואל נחמן גלויבער
משי גליק
בערל ווייס
שלמה ברוך טייטלבוים
שרא'לי כ"ץ

בערל לוסטיגמאן
י. מאנדל
חיים אברהם סאקס
מענדי קליין
אפרים פישל שווארץ
אברהם שטיינבערג
----
מתתיהו: אפרים פישל שווארץ
יהודית: בערל לוסטיגמאן
קינד אברמי: נחמי גלויבער
קינד מענדי: יוסי ווייס

## קינדער סאלאס

חֲנוּכָּה אוֹ חֲנוּכָּה: ............ שלמה ברוך טייטלבוים - סענדר דייטש
בְּרֶענְט לֶכְטֶעלֶעך בְּרֶענְט: ............ אפרים פישל שווארץ - נחמן גלויבער- מרדכי גרינוואלד
מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי: ............ מרדכי גרינוואלד- חיים אברהם סאקס
וְהָעֲרֵב: ............ חיים אברהם סאקס
כֻּלָּנוּ: ............ חיים אברהם סאקס
לַאטְקֶעלֶע לַאטְקֶעלֶע הָאפּ הָאפּ הָאפּ: ............ יואל נחמן גלויבער
טוֹב לִי תּוֹרַת פִּיךָ: ............ שרא'לי כ"ץ
וּלְךָ עָשִׂיתָ: ............ נחמן גלויבער - חיים אברהם סאקס
יְוָנִים: ............ שרא'לי כ"ץ
מֵיין זֵיידֶע און מֵיין בַּאבֶּע: ............ סנדר דייטש
הַנֵּרוֹת: ............ נחמן גלויבער - מרדכי גרינוואלד

## מענער עקטערס

טאטע: יואל קליין ~ גענעראל: אלעזר יואל גאלדבערגער
מלמד: רבי שמחה כהנא ~ פאליס: אליפורני: י. פריינד ~ אנטיוכת: אליעזר ט.

**יישר כח ר' אליעזר טארים**
פאר דיין הערליכע גראפיקס,
**איך האב נאך נישט געזעהן אזא גוטע און שנעלע סערוויס ווי ביי דיר**
-------------------------------
יישר כח
**המלמד ר' משה ראזענפעלד שליט"א**
פאר דיין ערשט האנטיגע הילף פאר'ן
Front cover
-------------------------------
תודה מיוחדת
**המלמד רבי אלעזר ניסן פרידריך**
פאר'ן שרייבן די הארציגע גראמען אויף די "והערב" ניגון
-----------------
בילדער געמאלן דורך:
**ח. קיסרמאן**
**077-495-1325**
א יישר כח פארן אהערשטעלן אזא שיינע ארבעט!
-----------------
**אחרון חביב**
יישר כח פאר מיינע טייערע אינגעלעך
**שלמה יצחק און משה שמעון קליין**
פאר ארויסהעלפן טאטי מאכן אזא גלונגענע ארבעט
**יואל קליין**
-----------------
**און א עקסטערן גרויסע יישר כח...**
פאר די חשובע עלטערן שיחי' פארן ערמעגליכן זייערע קינדער צו אנטיילנעמען און דעם הערליכן סידי. און פאר די אלע טייערע קינדער וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער "פרייע צייט נאך נאכטמאל" צו זונגען און רעדן אויף דעם הערליכן סידי! און פאר ענקער "געדולט און אויסערגעוועהנליכע גוטע אופפירונג" זייענדיג אין סטודיא נאך א טאג חדר...

נ.ב. קינדער וואס השי"ת האט זיי באשאנקען מיט א טאלאנט צו זונגען, אדער אז איר ווילט וויסן אויב אייער קינד איז פאסיג צו זונגען און זיין א חלק און "די הייליגע קינדערלעך קווייער", אדער פאר מער פרטים וויאזוי דאס גייט צו, שפירט אייך פריי צו רופן: 718-344-1708 די סטודיא געפינט זיך און הארץ פון וויליאמסבורג.

**© Copyright 2012**
Realistic Production inc.
Yoel Klein
Email: yk@kstudio1.com

**איך האב ליב**

די הייליגע

# יום טוב חנוכה


1 **חֲנוּכָּה אוֹי חֲנוּכָּה - נִיגוּן**

2 אַ גוּטְ'ן חֲנוּכָּה קִינְדֶער

3 **בְּרֶענְט לֶכְטֶעלֶעך בְּרֶענְט - נִיגוּן**

4 זִיצְן בֵּיי דִי לֶעכְט

5 **מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי - נִיגוּן**

6 בֶּעטְן בֵּיי דִי לֶעכְט

7 **וְהַעְרֵב - נִיגוּן**

8 **כֻּלָּנוּ - נִיגוּן**

9 מַאכְן לַאטְקֶעס!

10 **לַאטְקֶעלֶע הָאפּ הָאפּ הָאפּ - נִיגוּן**

11 מִנְהָג פוּן לַאטְקֶעס

12 דִי מַעשֶׂה פוּן חֲנוּכָּה

13 גְזֵירָה הִיטְן שַׁבָּת

14 גְזֵירָה רֹאשׁ חוֹדֶשׁ

15 גְזֵירָה בְּרִית מִילָה- אִידִישֶׁע נֶעמֶען

16 גְזֵירָה לֶערְנֶען תּוֹרָה

17 מְסִירַת נֶפֶשׁ פַאר אִידִישְׁקֵייט

18 מִתְיַוְנִים

19 דִי חֵדֶר אִיז פַארְשְׁפַארְט

20 **טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ - נִיגוּן**

21 קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין וַואלְד

22 יְוָנִים אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ

23 מַתִּתְיָהוּ כֹּהֵן גָדוֹל

24 **וּלְךָ עָשִׂיתָ - נִיגוּן**

25 דִי סוֹף פוּן אַנְטִיוֹכְת

26 דִי נֵס חֲנוּכָּה

27 **יְוָנִים - נִיגוּן**

28 גֶעבְן צְדָקָה

29 **מֵיין זֵיידֶע אוּן מֵיין בַּאבֶּע - נִיגוּן**

30 דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֶלִיפוֹרְנִי

31 **הַנֵרוֹת - נִיגוּן**

# א בריוו פון הארץ

ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.

יישר כח הייליגער טאטע אין הימל פאר נאכאמאל מיר געבן די זכיה צו קענען ארויסגעבן די צווייטע און די סעריע: "איך האב ליב די הייליגע יום טוב חנוכה".

די מעשה פון די "נס חנוכה" אויף וואס חז"ל האבן באשטימט א יו"ט איז נאר א קליין חלק פון מערערע יאר פון מלחמות וואס עס איז אלץ אנגעגאנגען אין שטעט אין ארץ ישראל און די צייטן פון די חשמונאים. און די קלענערע קינדער אין חדר/סקול ווערן שנעל צעמישט מיט די אלע פארשידענע פרטים פון די נס חנוכה, דערפאר זענען מיר געזיצן מיט מערערע לאנג-יאריגע מלמדים, מנהלים, טיטשער'ס, כל אחד בשמו יבורך, און מיר האבן אריינגעלייגט קאפ און מוח און אויסגעארבעט, אז "די הייליגע יו"ט חנוכה" זאל ארויסברענגט ווערן מיט א קלארקייט אלעס וואס א קליין קינד דארף קענען און וויסן. אזוי ווי ווען מען פרעגט א אינגעלע/מיידעלע פון קינדערגארטן די מעשה פון יו"ט פסח, וועלן זיי קענען ענטפערן מיט א קלארקייט, ווייל זיי האבן געהערט "די הייליגע סדר נאכט". נאכן אויסעהרן "די הייליגע יו"ט חנוכה" וועלן זיי אי"ה פארשטיין די מעשה פון חנוכה מיט א קלארקייט! און מיט'ן באשעפער'ס הילף וועט יעדער קענען שעפן נחת פון זיי!

"די הייליגע יו"ט חנוכה" אנטהאלט די אלע אלטע ערליכע ניגונים וואס מען זונגט און חדר/סקול. מיר האבן אריינגעלייגט די אלטע באקאנטע ניגון "טוב לי תורת פיך" אבער מיר האבן עס געזונגען שטייט און צום טאן וואס מ'זונגט עס אין קלאס רום, אזוי אז די קינדער זאלן קענען מיטזונגען. ווי אויך האבן מיר די באקאנטע ניגון "והערב" וואס מען זונגט כמעט איבעראל, אבער מיר האבן צוגעלייגט און עס איבערגעטייטשט אויף אידיש! אז זאל מען קענען אנצינדן די סידי און די קינדער וועלן קענען מיטזונגען די אידישע ווערטער. צום סוף האב איך פארפאסט א נייע ניגון ספעציעל פאר די סידי. ווי אויך איז אלעס אויפ'ן סידי גערעדט און געזונגען "זייער זייער קלאר" אז אפילו גאר קליינע קינדער וואס קענען נאך נישט ליינען זאלן קענען פארשטיין א יעדעס ווארט, אויפ'ן פארלאנג פון עלטערן האב מיר געלייגט נקידות אויף די ניגונים.

דברים היצאים מן הלב נכנסים אל הלב, און פאר די אינגע ריינע הערצער דארף מען דאס בעסטע, די הייליגע באשעפער האט אזוי באשערט אז די "סטודיא" האט געמופט און הארץ פון וויליאמסבורג ווי השי"ת האט מיר צוגעשיקט איבער גענוג קינדער פון גאר היימישע שטובער מיט הערליכע שטימעס און אויסערגעוועהנליכע שטארקע זונגען טאלאנטן פאר "די הייליגע קינדערלעך קווייער". די קינדער זענען געקומען אויף א שעה און זייער פרייע צייט נאך נאכטמאל, און ווער עס האט מתמידים אזוי געקומען נאך פרייטאג. יעדעס מאל פאר'ן זונגען/רעדן האב מיר אלע געזאגט צוזאמען תהילים, און השי"ת האט טאקע געהאלפן און מיר האבן געהאט אויסערגעוועהנליכע סיעתא דשמיא, עס זענען אראפגעקומען ערליכע פאסיגע אינגעלייט און אראפגעשפילט די כאראקטורן פון די גענעראל, אנטיוכת, ועוד... און אזוי ווי די הייליגע סדר נאכט סידי, איז די מעשה געווארן פארציילט און אראפגעלייגט מיט די זעלבע געשמאק אין סטיל ווי איך דערצייל עס אין חדר.

די בילדער איז געווארן געמאלן ספעציעל אזוי אז מען זאל קענען מאכן קאפיס אז די קינדער זאלן עס קענען קאלערן. איך געב רשות פאר א מלמד/טיטשער צו מאכן קאפיעס פון די בילדער פונעם בוך פארן באנוץ אין מוסד "בתנאי" אז מען שרייבט: בילד גענומען פון די הייליגע יו"ט חנוכה ביכל.

אז איר האט געקויפט די סידי פאר די קלאס רום און איר ווילט נאך א קאפיע דערפון למשל אויפן באס, אדער אז איר האט עס געקופט פאר'ן שטוב און ווילט נאך איינס פאר די קאר, ביטע רופט מיר פאר רשות, כ'וועל אייך פארשטיין .

דערביי וויל איך אויסדריקן א דאנק פאר מיין חשובן טאטע'ן הרב ר' אהרן צבי קליין שליט"א לאנגיאריגע מלמד תשב"ר פארן מיר ארויסהעלפן בגוף ובבמון. טאטי, דו ביסט נאכאמאל געווען דער שליח מן השמים! און נאך א רינגעלע און די השגחה פרטיות.

אז איר האט עפעס צו זאגן הערות, געדאנקען, קאפלימענטס, קריטיק, שפירט אייך פריי מיר צו רופן: 718-344-1708 איך וועל אי"ה יעדן אויסהערן. מיט א שמייכל!

צינד אן די סידי און האט הנאה!

הרב יואל קליין

TRACK 1

## ניגון — חַנוּכָּה אוֹי חַנוּכָּה

חַנוּכָּה אוֹי חַנוּכָּה אַ יו"ט אַ שֵׁיינֶע
אַ לִיסְטִיגֶע אַ פְרֵיילִיכֶע נִישְׁט דָא נָאך אַ זֵיינֶע
אַלֶע נֶעכְט מִיט דְרֵיידֶלֶעך שְׁפִּילֶן מִיר
הֵייסֶע פְרִישֶׁע לַאטְקֶעס עֶסְן מִיר
קוּמְט קִינְדֶער, גֶעשְׁווִינדֶער
דִי חַנוּכָּה לֶעכְטֶעלֶעך אָנְצִינְדֶן
זוּנְגט עַל הַנִיסִים און לוֹיבְט פַאר דִי נִיסִים
און לָאמִיר אַלע טַאנְצֶן צוּזַאמֶען.

TRACK 2

**אַבְרָמִי:** אה, דא גיי איך לייגן מיין מנורה

**מֶענְדִי:** ניין, דאס איז מיין פלאץ, איך האב געלייגט דא לעצטע יאר

**אַבְרָמִי:** און איך וועל עס לייגן די יאר

**מֶענְדִי:** די הויז איז נישט דיינס

**אַבְרָמִי:** וואס טוסטו, איך האב עס ערשט געכאפט

**מֶענְדִי:** ניין איך וויל אויך לייגן

**אַבְרָמִי:** האסטו געזעהן?

**מֶענְדִי:** וואס שטיפ'סטע

**אַבְרָמִי:** וואַטש!

**מֶענְדִי:** שוין, די האסט אויסגעגאסן די גאנצע אויל!

**מֶענְדִי:** ס'איז אויך מיין שילד?

**מֶענְדִי:** שוין, די ערשטע נאכט חנוכה, לאמיר זיך נישט קריגן, די ביסט מיר מוחל?

**אַבְרָמִי:** אוודאי, די ביסט מיר מוחל?



**מֶענְדִי:** יא!

**אַבְרָמִי:** קום, ס'איז דא פלאץ פארביידע!

**מֶענְדִי:** יישר כח.

**טַאטֶע:** א גוטן חנוכה קינדער!

**קִינְדֶער:** א גוטן חנוכה...

**אַבְרָמִי:** אה טאטי, דיין מנורה שטייט שוין גרייט!

**מֶענְדִי:** מאמי האט עס הערליך אויסגעפיצט

**טַאטֶע:** זייער שיין

**אַבְרָמִי:** טאטי, איך ווייס שוין אז מען טאר זיך נישט קריגן,

**טַאטֶע:** קריגן?! וואס גייט פאר?

**מֶענְדִי:** איך האב געוואלט לייגן מיין מנורה ביי דעי טיר, און ער האט אויך געוואלט

**אַבְרָמִי:** איך האב געזאגט ערשט אז איך לייג מיין מנורה דא, און..

**טַאטֶע:** און?.. קינדער, וואס איז די אויל דא?

**מֶענְדִי:** "ס'האט זיך" אויסגעגאסן!

**טַאטֶע:** "ס'האט"? פון זיך אליין?!

**מֶענְדִי:** אם... איך האב בטעות געשטופט זיין מנורה...

**אַבְרָמִי:** אוי נאו ס'איז גארנישט געווען אַ "טעות" ער...

**מֶענְדִי:** אבער...

**טַאטֶע:** "קינדער",

**קִינְדֶער:** אונז האבן שוין שלום געמאכט און זיך איבערגעבעטן!

**טַאטֶע:** אה! דאס האב איך געוואלט הערן, יעצט האט די הייליגע באשעפער הנאה פון ענק. לאמיך ענק פרעגן, זוסע קינדער! געטס אַ קוק, איז דען נישטא דא גענוג פלאץ פאר צוויי מנורה'ס?! נאר, די שלעכטע יצר הרע האט געוואלט ענק זאלן מאכן אַ קריגעריי שוין אין די ערשטע נאכט פון אזא הייליגע יו"ט חנוכה, און ברוך השם עטס האטס געפאלגט די יצר טוב און טאקע "שנעל" געמאכט שלום! קינדער לאמיך ענק פרעגן, ווער עס האט געוואנען די קריגעריי?

**מֶענְדִי - אַבְרָמִי:** אונז ביידע!

**אַבְרָמִי:** ווייל אונז האבן נישט געפאלגט די יצר הרע!



איך האב אַ צעטל פון מיין רבי וואס שטייט זייער וויכטיגע זאכן:

**אויף וועלכע פלאץ מען הייסט לייגן די מנורה...**

דארף מען פאלגן מיט אַ שמייכל!

**אויף וועלכע מין מנורה וואס טאטי הייסט מיך ניצן...**

דארף מען פאלגן מיט אַ שמייכל!

**אויב טאטי אדער מאמי זאגט אז דעי יאר גיי איך נאך נישט צינדן מיט אויל...**

דארף מען פאלגן מיט אַ שמייכל!

**וועלכע זמירות איך באקום...**

דארף מען פאלגן מיט אַ שמייכל!

**ווען מ'הייסט מיך נישט שפילן מיט די לעכט, די פייער איז אַ גרויסע סכנה...**

דארף מען פאלגן מיט אַ שמייכל!

**טַאטֶע:** אָה, פון דעם האב איך זייער הנאה, שפילן מיט ברענעדיגע לעכט, קען געשעהן זייער אַ שלעכטע זאך!

**בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְווֹתָיו, וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר חֲנוּכָּה. אָמֵן**

**בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ, בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה. אָמֵן**





# די הייליגע
# יום טוב חנוכה

**בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה. אָמֵן**
**הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ אָנוּ מַדְלִיקִין עַל הַנִּסִּים וְעַל הַנִּפְלָאוֹת...**

**שְׂרָא'לִי:** אקעי, יעצט גיי איך צינדן, טאטי, מיין רבי האט געזאגט אַ איך מעג נאר צינדן מיט אַ עכטע פייער ווען די כאפסט אן מיין העגט, ווען איך וועל זיין גרעסער גיי איך שוין מעגן אליין! בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אשר קדשנו במצוותיו, וצוונו להדליק נר חנוכה. אמן. אה! די לעכט ברענט, יעצט גיי איך אנצידן די אנדערע!

**טַאטֶע:** ניין צדיק'ל, די ערשטע נאכט חנוכה צינדן מיר נאר איין לעכטעלע

**שְׂרָא'לִי:** טאטי, וועגן וואס נאר איין לעכט, וועגן וואס קען איך נישט אנצידן אלע?

**טַאטֶע:** מיר פירן זיך אז יעדע נאכט חנוכה צינדן מיר אן מיט איין לעכטעלע מער, די ערשטע נאכט חנוכה צינדן מיר אן איין לעכטעלע, די צווייטע נאכט חנוכה צינדן מען אן צוויי לעכטעלעך, די דריטע נאכט חנוכה צינדן מען אן?

**שְׂרָא'לִי:** דריי לעכטעלעך, יעדן טאג צינד מען אן נאך אַ לעכט מער, און די אכטע טאג חנוכה דאס הייסט "זאת חנוכה" ברענט שוין אלע לעכט!

TRACK 3

## ניגון
## בְּרֶענְט לֶעכְטֶעלֶעךְ

**הַנֵירוֹת הַלָלוּ דִי דָאזִיגֶע לֵעכְט**
**אָנוּ מַדְלִיקִין וָואס מִיר צִינְדֶן דִי נֶעכְט**
**עַל הַנִסִים אוֹיף דִי נִיסִים פוּן אַמָאל**
**וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל**
**בְּרֶענְט לֶעכְטֶעלֶעךְ בְּרֶענְט**
**בְּרֶענְט וִוי לַאנְג אִיר קֶענְט**
**וֵוייל אֵייעֶר פֵייעֶר אִיז הֵיילִיג און טֵייעֶר**
**עֶס בַּאלֵייכְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

TRACK 4

**טַאטֶע:** טייערע קינדערלעך, מ'פירט זיך צו זיצן פארנט פון די הייליגע חנוכה לעכט נישט ווייניגער ווי אַ האלבע שעה, און די צייט ווען אַ אינגעלע קוקט אויף די הייליגע חנוכה לעכט, ווערן זיינע אויגעלעך זייער הייליג, און מען פירט זיך אז מען זונגט שיין זמירות.



TRACK 5

ניגון

# מָעוֹז צוּר

**מָעוֹז** צוּר יְשׁוּעָתִי, לְךָ נָאֶה לְשַׁבֵּחַ. תִּכּוֹן בֵּית תְּפִלָּתִי, וְשָׁם תּוֹדָה נְזַבֵּחַ. לְעֵת תָּכִין מַטְבֵּחַ, מִצָּר הַמְנַבֵּחַ. אָז אֶגְמוֹר בְּשִׁיר מִזְמוֹר, חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ:

**רָעוֹת** שָׂבְעָה נַפְשִׁי, בְּיָגוֹן כֹּחִי כִּלָּה. חַיַּי מָרְרוּ בְקוֹשִׁי בְּשִׁעְבּוּד מַלְכוּת עֶגְלָה. וּבְיָדוֹ הַגְּדוֹלָה הוֹצִיא אֶת הַסְּגֻלָּה. חֵיל פַּרְעֹה וְכָל זַרְעוֹ יָרְדוּ כְּאֶבֶן בִּמְצוּלָה:

**דְּבִיר** קָדְשׁוֹ הֱבִיאַנִי, וְגַם שָׁם לֹא שָׁקַטְתִּי. וּבָא נוֹגֵשׂ וְהִגְלַנִי. כִּי זָרִים עָבַדְתִּי. וְיֵין רַעַל מָסַכְתִּי, כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי. קֵץ בָּבֶל. זְרֻבָּבֶל. לְקֵץ שִׁבְעִים נוֹשַׁעְתִּי:

**כְּרוֹת** קוֹמַת בְּרוֹשׁ, בִּקֵּשׁ אֲגָגִי בֶּן הַמְּדָתָא. וְנִהְיָתָה לוֹ לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ, וְגַאֲוָתוֹ נִשְׁבָּתָה. רֹאשׁ יְמִינִי נִשֵּׂאתָ. וְאוֹיֵב שְׁמוֹ מָחִיתָ. רֹב בָּנָיו וְקִנְיָנָיו, עַל הָעֵץ תָּלִיתָ:

**יְוָנִים** נִקְבְּצוּ עָלַי, אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים. וּפָרְצוּ חוֹמוֹת מִגְדָּלַי, וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים. וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים. בְּנֵי בִינָה יְמֵי שְׁמוֹנָה קָבְעוּ שִׁיר וּרְנָנִים:

**חֲשׂוֹף** זְרוֹעַ קָדְשֶׁךָ וְקָרֵב קֵץ הַיְשׁוּעָה. נְקוֹם נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ מֵאֻמָּה הָרְשָׁעָה. כִּי אָרְכָה לָנוּ הַשָּׁעָה. וְאֵין קֵץ לִימֵי הָרָעָה. דְּחֵה אַדְמוֹן בְּצֵל צַלְמוֹן, הָקֵם לָנוּ רוֹעֶה שִׁבְעָה:

TRACK 6

**טַאטָע:** עס שטייט און די הייליגע ספרים אז חנוכה איז זייער אַ חשובע און הייליגע צייט, און אונזער זיסע טאטע און הימל ברענגט אראפ אַ עקסטערע הייליגקייט און אַ כח, אז מען זאל קענען בעסער לערנען און בעסער פארשטיין די הייליגע תורה, און יעצט ווען מיר זיצן ביי די הייליגע חנוכה לעכט, קען זיך יעדער איינער אויסבעטן פון די הייליגע באשעפער אלע גוטע זאכן, און אז ער זאל זוכה זיין צו קענען לערנען און פארשטיין די הייליגע תורה.



TRACK 7

ניגון

# וְהַעֲרֶב

**וְהַעֲרֶב נָא, הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל,**
**וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ, וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל,**

**וְהַעֲרֶב הֵיילִיגֶער בּוֹרֵא,**
**גֶעבּ אוּנְז אַרֵיין אַ זִיסְקֵייט אוּן דֵיין תּוֹרָה,**
**אֶת דִּבְרֵי דִי רֵייד, וָואס אִין דֵיין תּוֹרָה שְׁטֵייט,**
**זָאל אִיךְ קֶענֶען לֶערנֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט,**
**אוֹי הוֹי, וְנִהְיֶה, אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָּה,**
**פָאלְגֶן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דֵיין תּוֹרָה,**
**דִי יֵצֶר הָרַע זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן, דִי קִינְדֶער מִצְוֹת מֶערְן,**
**פוּן אַ עֲבֵירָה הָאבְּן מוֹרָא,**

TRACK 8

**כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, וְלוֹמְדֵי תוֹרָתְךָ לִשְׁמָהּ.**

**כֻּלָּנוּ מִיט אַלֶע אִינְאֵיינֶעם,**
**מִיט אַ נְשָׁמָה אַ רֵיינֶעם,**
**זָאלְן גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶער נִישְׁט אִין קֵיינֶעם,**
**אוּן לֶערְנֶען דֵיין תּוֹרָה דֶעם שֵׁיינֶעם,**

TRACK 9

**טַאטֶע:** אין יעצט טייערע קינדערלעך, אונז גיי מאכן פיינע דעלישעס...

**קִינְדֶער:** "לאטקעס!"

**טַאטֶע:** ווער ווייסט וויאזוי מען מאכט לאטקעס?

**יוֹשֻׁעַ:** איך... אם, מ'מישט צוזאם צעריבענע פאטעיטאס מיט אייער, און מ'לייגט עס אריין אין הייסע אויל, און ס'באקט זיך אפ אין די הייסע אויל און ס'ווערט לאטקעס לכבוד חנוכה!



**טַאטֶע:** זייער פיין, און ווער גייט העלפן שיילן פאטעיטעס?

**קִינְדֶער:** איך..

**טַאטֶע:** אקעי, אברמי, דא האסטו אַ שירצל, טוה עס אן און געב אכטונג אז דיין נייע העמד זאל נישט ווערן שמוציג, און אויך מאך זיכער אז די אלע שאלאכטץ גייט נאר אויף די טעלער, אויב פאלט אראפ אפילו איין שאלאכטס אויף די פלאהר, געדענק עס שנעל אויפצוהייבן אז קיינער זאל זיך חלילה נישט אויסגליטשען אויף דעם, און מענדי, די וועסט אויפקראכן די אייער, און קוקן זייער גוט, אויב זעסטו אַ בליץ טראפ ווארף עס שנעל און גארביטש!

**מֶענְדִי:** טאטי, וואס מיינט אַ בליץ טראפ?

**טַאטֶע:** אַ בליץ טראפ איז אַ קליינע פינטל רויטע בלוט אזוי לעבן די געלע באלי אין די אייער, און די הייליגע באשעפער לאזט נישט עסן די בלוט, דערפאר דארף מען עס אוועקווארפן.

**אַבְרָמִי:** אקעי, לאמיך אנטוהן מיין שירצל, געגאנגען...

**מֶענְדִי:** און איך גיי מיך נעמען קראכן אייער...לאמיך זעהן, אקעי ס'איז גוט, אריין אין טאפ! לאמיר קראכן נאך איינס... גוט, אריין אין טאפ! נאך איינס, אפ, איז דאס אַ בליץ טראפ?





**טַאטֶע:** נע.

**מֶענְדִי:** כ'האב שוין שיער געמיינט, אריין אין טאפ! לאמיך קראכן נאך איינס...

**אַבְרָמִי:** אאאפס... איין שאלאכטס האט געטראסקעט... וואטש טרעט נישט, לאמיך עס שנעל אויפהייבן אזוי אריין אין טעלער,

**טַאטֶע:** גוט אויפקלאפן די אייער, צערייבן די פאטעיטעס... אויסגעמישט... אריין אין טאפ!

**יוֹשֶׁעַ:** אה אַ לאטקעלע איז און טאפ! קוק, די גאנצע אויל באבעלט...

**בֶּערְל:** אה דאס זעהט אויס גוט, אַ מחיה!

**מֶענְדִי:** אקעי יעדער, ווילאנג ס'באקט זיך...

**קִינְדֶער:** גייען מיר זונגען די "לאטקעלע ניגון!"

TRACK 10

## ניגון לַאטְקֶעלֶע

**לַאטְקֶעלֶע הָאפּ הָאפּ הָאפּ,**
**טַאנְץ אַרֵיין און מֵיין טָאפּ,**
**בַּאקְט דִיך אָפּ זֵייעֶר זֵייעֶר פֵיין,**
**לְכָבוֹד חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ זֵיין...**

TRACK 11

**שִׁמְעוֹן:** אמם... יישר כח טאטי פאר די פיינע לאטקעס.

**טַאטֶע:** קינדער, צו וייסן ענק "פארוואס" מען פירט זיך צו עסן חנוכה לאטקעס?

**אַבְרָמִי:** וייל... לאטקעס מאכט מען מיט אויל, און חנוכה איז געווען אַ גרויסע נס מיט אויל!

TRACK 12

**שְׂרָא'לִי:** טאטי, קענסטו אונז פליז דערציילן די מעשה פון די נס חנוכה?

**טַאטֶע:** אוודאי, אה... דאס איז געווען אַ לאנגע מעשה, קינדערלעך, זעצט ענק אראפ, מאכט ענק באקוועם און הערט מיך גוט צו:



# די הייליגע
# יום טוב חנוכה

לאנג לאנג צוריק, ווען די הייליגע בית המקדש איז נאך געשטאנען, אידישע קינדער האבן געברענגט קרבנות, די כהנים האבן עס געשחט'ן, און מ'האט געשפריצט די בלוט אויף די מזבח, און די לויים האבן געזונגען שירה, די כהן כדול האט יעדן טאג אנגעצינדן די הייליגע מנורה, און די לעכט האבן געברענט אַ גאנצע נאכט ביז צופרי, און נאכדעם האט די כהן גדול נאכאמאל אנגעצינדן די הייליגע מנורה.

די אידישע קינדער האבן געלערנט פלייסיג די הייליגע תורה, מ'האט מקיים די מצוות וואס די הייליגע באשעפער האט געהייסן, און יעדער איז געווען אזוי פריילין צו זיין איד, און דינען דעם גרעסטע קעניג פון די וועלט אונזער הייליגע זיסע באשעפער.

שוין, אין יענע צייט איז אויך געווען אַ שלעכטע גויאישע קעניג, און זיין נאמען איז געווען:

**אַבְרָמִי:** "אנטיוכת הרשע"

**טַאטֶע:** אנטיוכת הרשע איז געווען די קעניג פון די יוונים, אלע יוונים זענען געווען גוים וואס האבן זייער נישט ליב געהאט די אידן, עטס ווייסט פארוואס?

**אַבְרָמִי:** ווייל די אידישע קינדער לערנען די הייליגע תורה, און ווער עס לערנט די הייליגע תורה ווערט זייער קלוג.

**טַאטֶע:** פארשטייט זיך אז די גוים די יוונים לערנען נישט אונזער הייליגע תורה,

**מֶענְדִי:** זיי ליינען זייערע טריפה'נע עקל'דיגע ביכער וואס שטייט אלע מינע שטותים און נארישקייטן, וואס מיר אידן טארן נישט אנקוקען.

**טַאטֶע:** און די קעניג פין די יוונים אנטיוכת הרשע, האט געטוהן זייער אַ שלעכטע זאך, ער האט געשיקט קיין ארץ ישראל אַ "גענעראל" אַ גענעראל מיינט, איינער וואס איז זייער אַ שטארקע מענטש און ער ארבייט פאר די קעניג, און די גענעראל איז די באלעבאס פון אלע סאלדאטן, און אנטיוכת הרשע האט געהייסן אז די גענעראל זאל ארויפגיין אין ארץ ישראל און ער זאל אויסגערופן הויער:

TRACK 13

**גֶענֶערַאל:** הערט מיך גוט צו, דער גרויסער קעניג אנטיוכת האט געהייסן:

**בֶּערְל:** פון אנטיוכת דער רשע, וואס וויל ער?

**גֶענֶערַאל:** שטיל זאל זיין! דא בין איך "גענעראל " פון אנטיוכת, און יעצט גיי איך ענק זאגן וואס צו טוהן.

נומבער איינס, אינגעלע קום אהער, און זאג מיר הויעך די נעמען פון אלע טעג פון די וואך.

**שִׁמְעוֹן:** זונטאג, מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג, פרייטאג, "שבת קודש".



**גֶענֶערַאל:** וואס האסטו געזאגט? "שבת?" פון היינט און ווייטער לאזט אנטיוכת נישט האלטן שבת, שבת דארף יעדער איינער גיין ארבייטן, איך גיי שטעלן פאליס איבעראל! און וועלכע איד מיינע פאליס גייען כאפן שבת גייען אין שוהל, אדער צינדן שבת'דיגע לעכט אדער מאכן אַ שבת'דיגע סעודה וועט גיין, דו ווייסט וואו? און דשעיל! פארשטאנען?

**בֶערְל:** יו, וואס גייט מען טוהן??

TRACK 14

**גֶענֶערַאל:** נומבער צוויי, ראש חודש וועט עטס מער נישט זונגען הלל! נישטא מער אזא זאך ווי ראש חודש!, און אז עטס וועטס נישט וויסן וועלכע חודש עס איז, וועט עטס אויך נישט וויסן ווען עס קומט אַ יו"ט, און עטץ וועט מער נישט קענען האלטן קיין שום יו"ט! הע הא הא הא..

**יוֹשֻׁעַ:** אזא רשע דער...

TRACK 15

**גֶענֶערַאל:** נומבער דריי, קום אהער די אינגעלע, יא דו דו קום אהער, וויאזוי רופט מען דיך?

**שִׁמְעוֹן:** שמעון!

**גֶענֶערַאל:** דו הייסטו שמעון? שמעון איז אַ אידישע נאמען! פון היינט און ווייטער לאזט דער קעניג אנטיוכת מער נישט מאכן אַ ברית פאר אַ נייע אינגל בעיבי און האבן אַ אידישע נאמען! די הייסט מער נישט שמעון, די וועסט הייסן עם.. לאמיך טראכטן עפעס אַ גוי'אישע נאמען... יא, פון היינט און ווייטער וועסטו הייסן דשעקי! פארשטאנען?

**שִׁמְעוֹן:** גוי'אישע נעמען? "חלילה!" איך הייס יא שמעון, קיינער זאל זיך נישט וואגן מיר צו רופן מיט גוי'אישע נעמען, איך בין אַ אידיש קינד איך האב געהאט אַ ברית, און איך טראג אַ ערליכע אידישע נאמען, שמעון!

**גֶענֶערַאל:** דשעקי!

**שִׁמְעוֹן:** ניין שמעון!

**גֶענֶערַאל:** דשעקי האב איך געזאגט! איך בין אַ גענעראל פון אנטיוכת די מעכטיגע קעניג, און אז דו וועסט מיך נישט פאלגן וועסטו אריינפליען און דשעיל!

**שִׁמְעוֹן:** איך פאלג נאר די קעניג פון די גאנצע וועלט, די הייליגע באשעפער וואס איז מעכטיגער, שטערקער, און גרעסער פון יעדן איינעם!

**גֶענֶערַאל:** אָהה... באדינער'ס כאפט'ס אן דעם דשעקי דערלאנגט אים אפאר גוטע פעטש מיט ענקער פאסיג, און טראגט'ס אים אין דשעיל!



**שִׁמְעוֹן:** אַה אָה אַה... איך הייס נישט דשעקי איך הייס שמעון! אַה אָה אַה...

**גֶענֶערַאל:** און נאך איין זאך...

TRACK 16

**גֶענֶערַאל:** דער קעניג אנטיוכות לאזט נישט לערנען די הייליגע תורה, ווער עס וויל יא לערנען, מעג נאר לערנען די גוי'אישע יוונישע ביכער, און וועם מיינע פאליס וועלן כאפן לערנען די הייליגע תורה וועט אריינפליען אין דשעיל! האט עטס פארשטאנען?

TRACK 17

**בֶּערְל:** ניין! בשום אין אופן.

**שְׂרָא'לִי:** אונזער הייליגע באשעפער לאזט נישט לערנען די גוי'אישע יווניש ביכער! מיר וועלן יא לערנען די הייליגע תורה!

**גֶענֶערַאל:** עטס ווילסט נישט פאלגן די גרויסע קעניג אנטיוכת?

**שְׂרָא'לִי:** ניין!

**יוֹשֻׁעַ:** מיר האבן נאר איין קעניג ווער מיר פאלגן, די הייליגע באשעפער פון די גאנצע וועלט,

**גֶענֶערַאל:** ניין, לערנען די גוי'אישע יווניש ביכער.

**קִינְדֶער:** ניין! לערנען די הייליגע תורה!





**גֶענֶערַאל:** פאליס, כאפט די אידישע קינדער און זיי גייען ארייננפליען און דשעיל!

**יוֹשֻעַ:** לאמיר זיך באהאלטן און דארט לערנען!

**טַאטֶע:** אזוי האט אנטיוכת הרשע מיט זיין שלעכטע גענעראל אנגעמאכט צרות, און וועם זיינע פאליס האבן געכאפט לערנען די הייליגע תורה האבן זיי ארייגעווארפן אין דשעיל.

TRACK 18

**טַאטֶע:** עס זענען ליידער געווען אפאר אידישע מענטשן וואס זיי האבן יא געקענט באשטיין צו לערנען אין די טרייפה'נע יווענישע ביכער, און זיי האט מען גערופן די "מתיונים", און די מתיונים האבן אנגעמאכט אזוינע צרות פאר די ערליכע אידן, ווייל זיי האבן אויסגע'מוסר'ט וועם זיי האבן געטראפן זיצן אין לערנען.

TRACK 19

שא שטיל... עס זיצט אַ ערליכע איד, זיין נאמען איז געווען ר' משה, ער איז געווען אַ רבי אין חדר, אבער די חדר איז געווען צוגעשפארט, ער איז געזיצן אין זיין הויז זייער באזארגט, ער הערט ווי איינער קלאפט אויף זיין פענטסטער.

**מְלַמֵד:** יוא קינדער פארוואס זענט עטס דא?

**מֶענְדִי:** רבי, אונז וויל מיר גיין אין חדר לערנען די הייליגע תורה, אבער די חדר איז פארשפארט, קענען מיר ארייננקומען אין דיין הויז?

**מְלַמֵד:** אבער די גאס איז פיל מיט פאליס, אויב מען וועט אונז כאפן, וועלן זיי אונז טראגן אין דשעיל! און דשעיל וועלן זיי אוודאי אונז נישט לאזן לערנען.

**מֶענְדִי:** אבער רבי, די האסט אונז אויסגעלערענט אז מען טוהן אלעס אין די וועלט צו לערענן די הייליגע תורה, רבי, לאמיר טרייען צו גיין דורך די אנדערע זייט טיר אפשר דארט קען מען יא גיין?.

**טַאטֶע:** די קינדער מיטן זייער רבי זענען געגאנגען שטיל... זייער שטיל... אדורך די בעק יארד, קיינער זעהט זיי נישט... זיי גייען און גייען אונטער הייזער, ביז ענדליך זיי זענען אנגעקומען לעבן די חדר ביי די הינטערשטע טיר, אבער אזוי ווי זיי ווילן ארייננגיין, זעהן זיין.

**פָּאלִיס:** ? העי, ווי גייען ענק? ווי גייען ענק? עטס מיינט איך זעה נישט?! אהא.... עטס האטס געוואלט ארייננגיין אין חדר פון די הינטערשטע טיר... גייטס שוין אוועק פון דא, און איך גיי מאכן זיכער אז עטס קומטס נישט נאכאמאל צוריק, איך גיי פארקלאפן אלע טירן מיט אַ גרויסע האלץ און לאנגע נעגלעך, אוועק פון דא, אוועק, גייטס.



**אַבְרָמִי:** אוי ווי רבי, וואס גייט מען יעצט טוהן? די חדר איז איבעראל פארשפארט, אונז ווילן לערנען תורה!

**מְלַמֵד:** קומטס קינדער, לאמיר גיין זיך באהאלטן און וואלד, און יעדער זאל זיך מיטברענגען אַ דריידל און האלטן און טאש, חיים די וועסט שטיין און קוקן אַ גאנצע צייט, אויב די זעסט אַ יווני קומט זאלסטו אונז שנעל זאגן , און מיר וועלן שנעל באהאלטן די חמשים, ארויסנעמען די דריידל פון טאש, און מיר וועלן זיך מאכן ווי מען שפילט נאר דריידל, און ווען די פאליס גייט אוועק וועלן מיר ווייטער קענען לערנען די הייליגע תורה!

TRACK 20

# ניגון טוֹב לִי

**טוֹב לִי תּוֹרַת פִּיךָ, מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף.**
**סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערנֶען דִי הֵייליגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד און זִילְבֶּער.**





TRACK 21

**מְלַמֵד:** וידבר ה׳, און דער אייבישטער האט גערעדט

**קִינְדֶער:** וידבר ה׳, און דער אייבישטער האט גערעדט

**מְלַמֵד:** אל משה, צו משה

**קִינְדֶער:** אל משה, צו משה

(**פָּאלִיס:** אה, די זעלבע קינדער נאכאמאל. הע הע הע....)

**מְלַמֵד:** לאמר, אזוי צו זאגן

**קִינְדֶער:** לאמר... "א יווני קומט"

**מְלַמֵד:** שנעל, פאקט אוועק די חמשים, און נעמטס ארויס די דריידעלעך.

**קִינְדֶער** שפילן דריידל..

**פָּאלִיס:** וואס גייט דא פאר?, וואס טוען ענק דא אין וואלד?

**שִׁמְעוֹן:** מיר שפילן דריידעלע,

**פָּאלִיס:** פארוואס אין וואלד?

**שִׁמְעוֹן:** קוק, אונטער די ביימער איז פיין קיל,



**בֶּערְל:** יא! פיינע געשמאקע לופט,

**יוֹשְׁעַ:** זעהסט? דא אויף די שטיינער קען מען זייער גוט שפילן... די דריידל דרייט זיך זייער גוט.

**פָּאלִיס:** שפילן לאז איך, שפילט ווייטער...

**טַאטֶע:** און די יוני איז זיך אוועק געגאנגען.

**מְלַמֵד:** אקעי קינדער לייגט צוריק די דריידלעך אין טאש, אונז אונז קען מיר גיין ווייטער לערנען די הייליגע תורה.

**מְלַמֵד:** וידבר ה׳, און דער אייבישטער האט גערעדט

**קִינְדֶער:** וידבר ה׳, און דער אייבישטער האט גערעדט

**מְלַמֵד:** אל משה, צו משה

**קִינְדֶער:** אל משה, צו משה

TRACK 22

**טַאטֶע:** אבער די שלעכטע גוים די יוונים זענען נאך נישט געווען צופרידן, זיי זענען אריינגעגאנגען אין די הייליגע בית המקדש, און מיט זייער טמא׳נע הענט האבן זיי צובראכן און צוקראכט די אלע שיינע הערליכע כלים, אויך האבן זיי צובראכן די הייליגע מנורה, און די כהן גדול האט נישט געקענט מער אנצינדען די לעכט אויף די הייליגע מנורה אין די בית המקדש.

TRACK 23

עס איז געווען אַ גרויסע צדיק וואס האט זיך נישט דערשראקן,

**חֶזְקִי:** "מַתִּתְיָהו כהן גדול און זיינע 5 קינדער"

זיי האט מען גערופען "די חשמונאים", ער האט צוזאמגערופען זיינע פינף קינדער און זיי געזאגט:

**מַתִּתְיָהו:** לאמיר זיך שטארקן! לאמיר גיין מלחמה האלטן מיט די רשעים די יוונים, לאמיר זיי ווייזן ווער עס איז דער עכטע קעניג פון די אידן, מיר וועלן "יא" האלטן ראש חודש! און מיר וועלן "יא" האלטן שבת! און מיר וועלן "יא" מאכן אַ ברית! מיר וועלן "יא" געבן אַ אידישע נאמען! און מיר וועלן "יא" לערנען די הייליגע תורה! מיר וועלן לערנען אין חדר! מיר וועלן מער נישט גיין אין וואלד זיך באהאלטן, זאל יעדער זעהן אז מיר פאלגן נאר וואס דער הייליגער באשעפער הייסט, "מי לה׳ אלי" קומט מיט מיר און מיר וועלן מלחמה האלטן מיט די יוונים מיר וועלן זיי פארטרייבן פון ארץ ישראל!



**טַאטֶע:** און מַתִּתְיָהוּ כהן גדול איז טאקע ארויס געגאנגען אין אַ מלחמה אנטקעגן די יוונים, עס זענען געווען טויזענטער, טויזענטער יוונים, אסאך מער סאלדאטן אין פאליס ווי מַתִּתְיָהוּ מיט זיינע קינדער, אבער דער הייליגע באשעפער האט געמאכט אַ נס און מַתִּתְיָהוּ מיט זיינע ווייניג קינדער האבן פארטריבן די אלע טויזענטער, טויזנטער יוונים פון ארץ ישראל און ער האט זיי באזיגט און געוואונען די מלחמה.

**טַאטֶע:** און חנוכה זאגן מיר טאקע "על הניסים", מיר דאנקן דעם הייליגן באשעפער פאר די נס, וואס ער האט געמאכט "ורבים" אסאך סאלדאטן זענען געווארן באזיגט "ביד מעטים" אין די הענט פון ווייניג מענטשן, דאס איז געווען מַתִּתְיָהוּ מיט זיינע ערליכע קינדער, נאר דער הייליגע באשעפער קען מאכן אזא נס!

TRACK 24

## ניגון
# וּלְךָ עָשִׂיתָ

**וּלְךָ עָשִׂיתָ, שֵׁם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ בְּעוֹלָמֶךָ, וּלְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל עָשִׂיתָ תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה, וּפֻרְקָן כְּהַיּוֹם הַזֶּה.**






TRACK 25

**טַאטֶע:** ווען אנטיוכת הרשע האט געהערט אז די אידישע קינדער האבן ארויס געטריבן אלע זיינע יוונים פון ארץ ישראל, און זיי פאלגן נישט זיינע געזעצן נאר זיי פאלגן וואס דער הייליגער באשעפער הייסט, האט ער זיך אויפגערעגט:

**אַנְטִיוֹכוֹת:** דאס איז עס! איך שיק מער נישט קיין גענעראל! איך אליין וועל ארויפגיין צו ארץ ישראל, און איך אליין דער שטארקער מעכטיגע קעניג אנטיוכת, וועט מלחמה האלטן מיט די אידן!

**שְׂרָא'לִי:** הע הע... דו נארישע רשע אנטיוכת, דו מיינסט אז די קענסט זיך קומען שלאגן מיט אונז? מיר זענען די קינדער פון די הייליגע באשעפער וואס ער איז די גרעסטע קעניג פון די גאנצע וועלט, און ער וועט דיך שוין ווייזן וואס ער קען!

**טַאטֶע:** יא יא... אינמיטען וועג, האט דער הייליגער באשעפער געמאכט, דער בויך פון אנטיוכת הרשע האט אנגעפאנגן זייער שטארק צו וויי טוהן.

**אַנְטִיוֹכוֹת:** אה! מיין בויך טוט מיר אזוי וויי.. אוי, מיין בויך דרייט זיך, אה... ווי דרייסטו דיך? בלייב דא! אה ס'שטעכט ס'דריקט, איך מיין און דארף ברעכן... נע, ס'איז נישט שיין צו זעהן ווי אַ קעניג ברעכט... אבער איין מינוט... וואס זעה איך דא? אַ פימפל? זייט ווען האב איך דא אַ פימפל?! אוי איך זעה נאך איין פימפל, און נאך איין, אוי וויי וואס איז דא געשעהן צו מיר? איך בין קרעציג? אה.. מיין בויך טוהט וויי און מיינע קישקעס דרייען זיך, מיין הענט קראצט, מיין האלז קראצט, מיין בויך קראצט, מיין פיס קראצט, מיין אויערן קראצן, און מיין נאז אוי אוי, ס'שמעקט עפעס זייער אַ שלעכטע גראך! איך האב מורא אז מיין נאז האט זיך צובראכן! מיין נאז ארבייט נישט מער,

**בַּאדִינֶער:** אך! קעניג, דיין נאז איז גארנישט צובראכן די ביסט גערעכט, עס שמעקט פון דיר זייער אַ נישט אַ גוטע גראך אאך...

**אַנְטִיוֹכוֹת:** די מחוצף אזוי רעדט מען צו אַ קעניג?!

**בַּאדִינֶער:** קעניג, עס קומט זייער אַ שלעכטע שמעק פון דיר! איך קען עס מער נישט אויסהאלטן, איך גיי אוועק, אז די ווילסט קענסטו אליין פארן. קיינער האט דיך נישט געהייסן טשעפענען מיט די אידן, די ביסט דיר אליין שולדיג! די הייליגע באשעפער האלט דא מלחמה מיט אונז! דא שמעקט, קומט אלע סאלדאטן לאמיר אלע אנטלויפען פון דא,

**אַנְטִיוֹכוֹת:** אה אה.. עס גייט מיר נישט אן, עס גייט מיר נישט אן, איך גיי ווייטער קיין ארץ ישראל , און וועלכע איד עס וועט מיר נישט פאלגן וועל איך געבן אזעלכע געזונטע פעטש, אז א. . . .



אוי אַ עלעפאנט האט געגעבן אַ ניס און מיין פערד האט זיך אזוי דערשאקן... איין מינוט, איך זעה שוין אז איך איך קען "נישט" אנקומען קיין ארץ ישראל... מיין פערד שאקעלט זיך אוי . . . . העי די פערד! קענסט נישט גיין נארמאל אלעס טוהט מיר אזוי וויי, פארוואס טאנצטו אזוי, איך פאל אראפ! אָה אַה... ארויף און אראפ... אָה אַה... הוי... איך פלי אין בין אין די לופט...

**מֶענְדַי:** און די פערד האט אים געגעבן אַ טראסקע און איז געפלויגן און אראפגעקראכט אויף די ערד טויט.

TRACK 26

**טַאטֶע:** אנטיוכת הרשע איז געשטארבן, און די יוונים זענען שוין מער נישט געקומען אין ארץ ישראל, זענען די אידן צוריק אריינגעגאנגען און די הייליגע בית המקדש, און מ'געבט אַ קוק, און מ'זעהט, אוי, אַ חורבן! די טרייפה'נע גוים די יוונים האבן אלעס צוהאקט און צובראכן! אוי, די הייליגע מנורה ליגט צובראכן אויף די ערד, אלע קריגעלעך אויל האבן די גוים טמא געמאכט! אוי ווי וויאזוי גייען מיר קענען אנצידן די היייליגע מנורה?, אבער מַתִּתְיָהוּ כהן גדול האט געזאגט:

**מַתִּתְיָהוּ:** קודם פאר דערווייל לאמיר בויען אַ האלצענע מנורה.. אוי רבונו של עולם, פון ווי גייען מיר האבן ריינע כשר'ע אויל? די גוים האבן דאך אלעס געמאכט טמא!





**מֶענְדִי:** יעדער זאל העלפן זוכן אפשר דאך קען מען טרעפן!

**בֶּערְל:** אה אפשר דא.

**מֶענְדִי:** אפשר דא.

**בֶּערְל:** אלעס איז טמא.

**נַחְמָן:** כ'האב געטראפן!! כ'האב געטראפן איין קליינע קריגעלע אויל! און דאס האט נאך יא די זיגל פונעם כהן גדול! נאר די אויל האבן די יוונים נישט געמאכט טמא!

**מֶענְדִי:** אה! ברוך השם מיר גייען קענען אנצינדן די הייליגע מנורה!

**מַתִּתְיָהוּ:** איך האב שטארק הנאה אז מיר האבן געטראפן ריינע אויל, אבער דאס איז נישט גענוג! מיר דארפן אויל פאר אַ גאנצע וואך, און די קליינע קריגעלע איז נאר גוט פאר איין טאג!

**שְׂרָא'לִי:** לאמיר גיין צו די בוים ווי עס וואקסט די פרוכט וואס הייסט איילבירטן, און ארויסקוועטשן נייע ריינע אויל!

מַתִּתְיָהוּ: אבער דאס נעמט מער פון אַ גאנצע וואך ביז ווילאנג מ'קוועטש אויס נייע אויל און מדארף עס נאך ברענגען אַ לאנגע וועג, ביז די בית המקדש, שוין, לאמיר קודם אנצידן פאר איין טאג, און אונזער הייליגע באשעפער וועט שוין העלפן.





**טַאטֶע:** געוועהנטליך ברענט די הייליגע מנורה פאר נאר איין טאג מיט איין נאכט, און נאכדעם דארף מען אריין לייגן נייע אויל, איז עס ברענט נאכאמאל אַ טאג און אַ נאכט, אבער דא האט די הייליגע באשעפער געמאכט אַ גרויסע נס, די איין קריגעלע אויל וואס מען האט געטראפן, האט געברענט גאנצע אכט טעג! ביז עס אנגעקומען די נייע אויסגעקוועטשטע פרישע ריינע אויל! און דאס איז געווען די נס פון חנוכה! און צו געדענקן די נס, עסן מיר לאטקעס...

**אַבְרָמִי:** וואס מען מאכט אין אויל, און אויך שפילן מיר דריידל, אַ זכר צו די דריידל וואס די קינדער האבן געשפילט און וואלד ווען די יוונים זענען געקומען.

TRACK 27

## ניגון — יְוָנִים

**יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי, אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים. וּפָרְצוּ חוֹמוֹת מִגְדָּלַי, וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים. וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים. בְּנֵי בִינָה, יְמֵי שְׁמוֹנָה, קָבְעוּ שִׁיר וּרְנָנִים:**

TRACK 28

**קִינְדֶער:** טאטי איינער איז ביי די טיר,

**טַאטֶע:** יא?

**נַחְמָן:** צדקה!

**טַאטֶע:** עטס זעטס קינדער? ער גייט ארום נאך צדקה, עטס ווייסט פארוואס? ווייל חנוכה שטייט אין די הייליגע ספרים איז אַ גרויסע ענין אז מען גייט נאך געלט, און מען געט צדקה, דא האסטו געלט פאר צדקה

**נַחְמָן:** תזכה למצוות.

**טַאטֶע:** אויך פירט מען זיך, אז דער טַאטֶע טיילט פאר אלע זיינע קינדער "חנוכה געלט"



**קִינְדֶער:** אה! חנוכה געלט!

**טַאטֶע:** דא האסטו, און פאר דיר, און פאר דיר...

**קִינְדֶער:** יישר כח טאטי! יישר כח טאטי!

**שְׂרָא'לִי:** אויך זיידי און באבי גייען געבן חנוכה געלט!

**טַאטֶע:** און יעצט גייען מיר מקיים זיין די מנהג פון שפילן דריידל!

**קִינְדֶער:** דריידל!

**טַאטֶע:** אבער עס שטייט אין די הייליגע ספרים, אז מען טאר נישט שפילן דריידל מיט געלט פאר עכט, און ווען מען גייט ענדיגן שפילן, גייט יעדער צוריק געבן אלע פעניס, און קינדערלעך, נישט ווערן באליידיגט אויב איינער געווינט נישט...

**פִּישְׁל:** עס איז נאר א געים!

**שְׂרָא'לִי:** לכבוד חנוכה!





TRACK 29

# ניגון זַיידֶע אוּן מֵיין בַּאבֶּע

מֵיין זַיידֶע אוּן מֵיין בַּאבֶּע, הָאבְּן מִיךְ גֶעגֶעבְּן חַנוּכָּה גֶעלְט,
הָאב אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ דְרֵיידְל, דִי שֶׁענְסטֶע אוֹיף דִי וֶועלְט,
אוֹי דְרֵיידְל דְרֵיידְל דְרֵיידְל, דְרֵיי זִיךְ שְׁנֶעל אַרוּם, דְרֵיידְל דְרֵיידְל דְרֵיידְל,
פַאל שׁוֹין אוֹיף דִי "נ".
(נ ג ה ש - נֵס.גָדוֹל.הָיָה.שָׁם.)

TRACK 30

**טַאטֶע:** און יעצט טייערע קינדערלעך, גיי איך ענק פארציילן די מעשה פון דער רשע אֶלִיפוֹרְנִי .

ער האט אויך געוואלט ארויפגיין צו די אידישע קינדער און מאכן צרות פאר זיי, אבער די אידישע קינדער האבן געדינט דעם הייליגן באשעפער און זיי האבן נישט מורא געהאט פון אים, זיי האבן געבויעט אַ גרויסע וואנט וואס הייסט אַ "מויער" ארום און ארום גאנץ ירושלים, און קיינער האט נישט געקענט אריינגיין.

די סאלדאטן פון אֶלִיפוֹרְנִי האבן זיך ארום געשטעלט און זי האבן אפגעמאכט אז זיי גייען צוברעכן די וואנט און זיי גייען אריין און זיי גייען מאכן אַ מלחמה מיט די אידן.

עס איז געווען אַ אידישע פרוי אַ צדיקת, און זי האט געהייסן יְהוּדִית, די יְהוּדִית איז געווען אַ טאכטער פון יוחנן כהן גדול, און זי האט געזאגט:

**יְהוּדִית:** לאזט מיך ארויס גיין אינדרויסן, מיט דעם הייליגן באשעפער'ס הילף, וועל איך קענען ברענגן אַ ישועה, לאזט מיך ארויסגיין!

**טַאטֶע:** מען האט אויפגעמאכט די טיר אביסעלע, און זי איז ארויס געגאנגען, זי גייט צו דער רשע אֶלִיפוֹרְנִי , יְהוּדִית האט געזאגט פאר אֶלִיפוֹרְנִי:

**יְהוּדִית:** מיין האר, דא האב איך געברענגט פאר דיר זייער אַ גוטע מילך און טשיז, דו וועסט עס זייער ליעב האבן.

**אֶלִיפוֹרְנִי :** נא.. וואס האסטו געברענגט?

**יְהוּדִית:** דא האסטו, עס און טרינק... דא האסטו וויין!

**אֶלִיפוֹרְנִי:** אאם.. זייער גוט, געב מיך נאך אביסל...



**יְהוּדִית:** טרינק טרינק, טרינק נאך...

**אֶלִיפוֹרְנִי:** יאממי... יוא, איך בין זייער שלעפעריג, איך גיי אביסל שלאפן. כככככ... כככככ...

**טַאטֶע:** עס איז געווען אינמיטען די נאכט, יעדער שלאפט, נאר די צדיקת יְהוּדִית איז געווען אין די שטוב ווי דער רשע אֶלִיפוֹרְנִי איז זיך טיף געשלאפן, און יְהוּדִית האט געדאוונט צו די הייליגע באשעפער.

**יְהוּדִית:** הייליגע באשעפער העלף מיך איך זאל קענען אויספירן מיין פלאן, און הרג'ענען דעם רשע, כדי צו ראטעווען די אידישע קינדער, אזוי וועט גרויס ווערן דיין נאמען אין די גאנצע וועלט, העלף מיר!

**טַאטֶע:** און יְהוּדִית האט גענומען אֶלִיפוֹרְנִי'ס שארפע שווערד, און געגעבן צוויי זעצעס אויף זיין קאפ, זי האט אראפגענומען זיין קאפ, אריינגעפאקט אין די זאק וואס זי האט געברענגט, און זי איז זיך שטיל ארויסגעגאנגען, יְהוּדִית איז צוריק געגאנגען צו די מויער, און זי קלאפט שטיל.

**יְהוּדִית:** לאזט מיך אריין גיין, דאס בין איך יְהוּדִית, איך האב זייער גוטע נייעס!

**טַאטֶע:** מען האט אויפגעמאכט די טיר און יְהוּדִית איז אריין, די אידן האבן געזעהן וואס די צדיקת יְהוּדִית האט מיטגעברענגט, די קאפ פון די רשע אֶלִיפוֹרְנִי ! אֶלִיפוֹרְנִי איז טויט! די אידן האבן גענומען די קאפ, און עס אויפגעהאנגן הויעך אויף די מויער.





עס איז געווארן צופרי' און די סאלדאטן געזעהן אז הלפורני קומט נישט ארויס פון זיין שטוב, ווען זיי זענען אריין געגאנגען האבן זיי געזעהן אז זיין קאפ איז נישט דא, ער האט מער נישט געלעבט, די גוי'אישע סאלדאטן האב זיך זייער דערשראקן, נאכדעם האבן זיי געזעהן אז זיין קאפ הענגט אויף די וואנט פון די מויער, אלע גוי'אישע סאלדאטן האבן אנגעפאנגען אוועק צולויפן און די אידן האבן זיי פארטריבן, און מער זענען זיי נישט געקומען טשעפענען מיט די אידן, און די אידישע קינדער האבן געדאנקט דעם הייליגען באשעפער פאר די גרויסע נס.

**פִּישְׁל:** און אַ זכר צו די טשיס וואס די צדיקת יְהוּדִית האט געגעבן פאר דער רשע אֱלִיפוֹרְנִי פירט מען זיך אז מען עסט חנוכה מילכיג'ס.

**טַאטֶע:** אויך פירט מען זיך אז מען גייט צו אַ הייליגע צדיק זעהן וויאזוי ער צינד די חנוכה לעכט, אין מען קוקט צו, און מען לערנט זיך אויס וויאזוי אַ ערליכע איד דינט דעם הייליגען באשעפער.



TRACK 31

# ניגון הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ

הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ אָנוּ מַדְלִיקִין. עַל הַנִּסִּים וְעַל הַנִּפְלָאוֹת וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת וְעַל הַמִּלְחָמוֹת. שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה. עַל יְדֵי כֹּהֲנֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים, וְכָל שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה. הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קֹדֶשׁ הֵם, וְאֵין לָנוּ רְשׁוּת לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּהֶם, אֶלָּא לִרְאוֹתָם בִּלְבָד. כְּדֵי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶךָ.

**Sponsors Ad**



## הערט אונזערע אנדערע

# איך האב ליב

## סידי׳ס, און האט שטארק הנאה!





YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708


געזינגען און גערעדט דורך די
הייליגע קינדערלעך קווייער

Design By: LAZER TORIM 845.371.3000